# מיט א טיפערן בליק

## פרשת שלח תשפ"ו

## ס'איז א פאַקט אבער נישט אמת!

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר האלטן ביי פרשת שלח וואו השי"ת זאגט פאר משה רבינו אז ער קען שיקן מרגלים צו גיין אויסשפיאָנירן ארץ ישראל איידער די אידן גיין דארט אריין. משה רבינו האט אויסגעוועלט ערליכע און דערהויבענע מרגלים, "כֻּלָּם אֲנָשִׁים רָאשֵׁי בְנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה" זיי זענען געווען חשוב'ע מענטשן, נשיאים און הויפטן ביי כלל ישראל.

די המשך ווייסן מיר אלע, די מרגלים זענען צוריקגעקומען פון ארץ כנען און האבן דערציילט פאר כלל ישראל וואס זיי האבן דארט געזעהן. אֶפֶס כִּי עַז הָעָם הַיֹּשֵׁב בָּאָרֶץ, זיי זענען א שטארקע פאלק, וְהֶעָרִים בְּצֻרוֹת גְּדֹלֹת מְאֹד, זייערע שטעט זענען שטארק באַפעסטיגט און זייער גרויס, וְגַם יְלִדֵי הָעֲנָק רָאִינוּ שָׁם, מיר האבן געזעהן דארט די קינדער פון די ריזן. אויך האבן זיי געשילדערט די אלע פעלקער וואס וואוינען דארט ארום און ארום. זיי לייגן צו, "לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ" מיר וועלן נישט קענען דארט ארויפגיין עס איינעמען וויבאלד זיי זענען שטערקער פון אונז. און זיי האבן גערעדט פארשידענע שלעכטע רייד אויף ארץ ישראל.

יהושע בן נון און כָּלֵב בן יְפֻנֶּה זענען געווען די איינציגסטע צוויי וואס האבן נישט איינגעשטימט מיט די אנדערע מרגלים. "וַיַּהַס כָּלֵב אֶת הָעָם... וַיֹּאמֶר עָלֹה נַעֲלֶה וְיָרַשְׁנוּ אֹתָהּ כִּי יָכוֹל נוּכַל לָהּ" כלב האט שטיל געמאכט דעם עולם און ער האט אויסגעשריגן עלה נעלה, מיר וועלן יא ארויפגיין און מיר וועלן יא מצליח זיין! יהושע און כלב זאגן ווייטער (י"ד ח') "אִם חָפֵץ בָּנוּ ה' וְהֵבִיא אֹתָנוּ אֶל הָאָרֶץ הַזֹּאת וּנְתָנָהּ לָנוּ", אויב דער אייבישטער וויל דאן קען ער אונז געבן דאס לאנד...

כלל ישראל איז שוין אבער געווארן צובראכן און אנטומוטיגט דורך די רייד פון די מרגלים, זיי האבן געוויינט און געהאט טענות אויף משה און אהרן, ווי די תורה הקדושה שרייבט באריכות.

**די שוועריגקייטן אין די מעשה פון די מרגלים**

לכאורה דארף מען דא פארשטיין עטליכע נקודות: צום ערשט, די מרגלים זענען דאָך געווען צדיקים ווי **רש"י** זאגט אונז אויפן פסוק כֻּלָּם אֲנָשִׁים רָאשֵׁי בְנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה, "כל אנשים שבמקרא לשון חשיבות, ואותה שעה כשרים היו". די תורה הקדושה איז מֵעיד אז מען רעדט דא פון די חשוב'ע און ערליכע אידן וועלכע זענען באמת געווען כשר און וואויל ביים ארויסגיין אויף זייער שליחות, אויב אזוי וואס האט טאקע פאַסירט מיט זיי? וויאזוי האבן זיי געקענט צוקומען צו אזא מכשול?

ווי אויך האבן מיר שוין מדייק געווען עטליכע מאל, וואס איז באמת געווען די זינד פון די מרגלים? די אלע שלעכטע זאכן וואס זיי האבן דערציילט ווען זיי זענען צוריק געקומען פון ארץ ישראל זענען געווען אמת'ע זאַכן וואס זיי האבן דארט געזעהן. מען האט זיי דאָך געשיקט ברענגן א באריכט פאר כלל ישראל וואס טוט זיך דארט, און דאס האבן זיי געטוהן. נאָך מער, אין **פרשת ואתחנן** געפונען מיר ווי משה רבינו רעדט צו די אידן איידער זיי גייען אריין קיין ארץ ישראל, און ער זאגט זיי (דברים ט') שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתָּה עֹבֵר וגו' אֶת הַיַּרְדֵּן לָבֹא לָרֶשֶׁת גּוֹיִם גְּדֹלִים וַעֲצֻמִים מִמֶּךָּ עָרִים גְּדֹלֹת וּבְצֻרֹת בַּשָּׁמָיִם - "הערט צו אידן, איר גייט יעצט אריבער דעם ירדן צו פארטרייבן פעלקער וואס זענען גרעסער און שטערקער ווי אייך, גרויסע באפעסטיגטע שטעט ביז'ן הימל", משה רבינו אנערקענט אויך אז זיי זענען גרויסע און שטארקע פעלקער וואס וואוינען אין שווערע שטעט, ער זאגט כמעט די זעלבע זאך ווי די מרגלים, פארוואס דווקא ביי די מרגלים איז ארויסגעקומען פון דעם אזא געפערליכע זאך?

און צום לעצט, מיר געפונען נישט אז די צוויי ערליכע מרגלים יהושע בן נון און כלב בן יפונה זאלן זיך אויפשטעלן און 'אפלייקענען' דאס וואס די מרגלים האבן איבערגעגעבן פאר כלל ישראל. זיי האבן נישט געזאגט אז די מרגלים זאגן ליגנט אדער אז זיי האבן נישט גוט געזעהן, וכדומה. זיי זאגן נאר, עָלֹה נַעֲלֶה וְיָרַשְׁנוּ אֹתָהּ כִּי יָכוֹל נוּכַל לָהּ, מיר וועלן יא קענען! אִם חָפֵץ בָּנוּ ה' וְהֵבִיא אֹתָנוּ אֶל הָאָרֶץ הַזֹּאת וּנְתָנָהּ לָנוּ, אויב השי"ת וויל וועט ער אונז אריינברענגען קיין ארץ ישראל. זיי זאגן נישט קיין איין וואָרט אז די מרגלים האבן גערעדט שקר, זיי זענען סך-הכל מחזק דעם פאלק אז דער אייבישטער וועט זיי העלפן.

אויב אזוי וואס איז טאקע געווען די גרויסע זינד פון די מרגלים מיט דעם וואס זיי זענען צוריק געקומען און דערציילט וואס זייערע אויגן האבן באמת געזעהן דארט אין ארץ כנען? זיי האבן דאָך נישט געזאגט קיין ליגנט?

**ס'קען זיין אז דו טייטשט אפ די פאַקטן נישט ריכטיג**

כדי צו פארשטיין דעם ענין וועלן מיר בסייעתא דשמיא מקדים זיין און אביסל מרחיב זיין אין א שטארקע יסוד וואס איז גאר וויכטיג און קען זייער צונוץ קומען אין אונזער טאג טעגליכע לעבן.

על פי רוב זעהט א מענטש מיט זיינע אויגן געוויסע פאַקטן, דאס הייסט זאכן וואס האבן פאַסירט בפועל, און מכוח דעם ציט ער א מסקנא, ער בויעט אויף א טעאריע, א געדאנק, א מחשבה, און ער האלט אז דאס איז 'די אמת' וויבאלד ער האט דאָך געזען די פאַקטן פאר די אויגן... אצינד, די פאַקטן קענען טאקע זיין אמת, ס'האט אייגנטליך פאסירט די זאך, אבער די אמת וואס דער מענטש נעמט ארויס פון דעם, די מסקנא און די מיינונג, איז בכלל נישט אלעמאל געבונדן צו די פאַקטן, ס'איז נישט מוכרח אז ער טייטשט אפ די פאַקטן ריכטיג, ווי מיר וועלן עס פראבירן צו ערקלערן אויף עטליכע דרגות שטאַפּלווייז.

צום ערשט לאמיר נעמען גאר א פשוט'ע משל. שטייט א קליין קינד און וויינט יאמערליך אז ס'איז געקומען צו איהם אן עלטערער מענטש און האט איהם פיזיש וויי געטוהן, ער האט איהם צובלוטיגט און מצער געווען, ביז ער האט געליטן שרעקליכע שמערצן. אצינד גייען מיר מברר זיין, איז עס אמת? איז טאקע אזוי געווען? און ס'שטעלט זיך ארויס אז יא, איינער איז געקומען, ער האט איהם געגעבן א שלעפ די האנט, ארויפגעשאַרט זיין ארבל און איהם געגעבן א געזונטן שטאָך אז ס'האט וויי געטוהן ביז גאר! עד כאן זענען די פאַקטן, דאס האטווירקליך פאסירט. אבער אויב מיר וועלן זוכן וואס ליגט אונטער די פאַקט, וואס איז דא פאָרגעקומען, וועלן מיר געוואויר ווערן אז ס'איז גאר געווען דער

דאקטער. דאס קינד האט נישט גוט געפילט, ער האט געדארפט גיין צום דאקטער צו באקומען א געוויסע מעדיצינישע באהאנדלונג, און דער דאקטער האט ערליך אויסגעפירט זיין אויפגאבע און געטוהן וואס פעלט זיך אויס פארן טובה פונעם קינד.

יעצט האט זיך געטוישט די גאנצע מציאות אין אונזער קאפ. ווי מיר האבן גערעדט דערפון אינעם פריערדיגן שיעור, זייער אסאך מאל די בליק וויאזוי מיר קוקן אָן א זאך ווענדט זיך אין וואס ס'ליגט אונטער די פאַקטן. אמת ס'איז טאקע געקומען אן ערוואקסענער מענטש וואס האט ווי געטוהן פאר דעם קינד, אבער ער האט עס געטוהן אויף א גוטע און געוואונטשענע אופן.

**ווען דו ווייסט בכלל נישט אלעס**

לאמיר גיין א טריט ווייטער. אמאל איז דא ווען מענטשן שטעלן ארויס געוויסע פאַקטן מיט אן אַגענדע, זיי לייגן אויס די פאַקטן און ציגן עס אויף אזא וועג אז דער מענטש זאל עס אפלערנען אויף א ספעציפישע אופן וואס מוז בכלל נישט זיין געבינדן מיט'ן אמת. לאמיר אָנכאַפּן אלס דוגמא א זאך וואס פאַסירט כסדר אין די וועלט פון נייעס. די נייעס סטאנציעס האבן זיך זייערע פאָליטישע מיינונגען און דֵיעות, און דעריבער ווען עס קומט צו באריכטן א געוויסע פאַסירונג, וועלן זיי עס ארויסשטעלן לויט זייערע נגיעות, וויאזוי זיי ווילן אז די וועלט זאל עס הערן. זיי וועלן נאר ארויסשטעלן געציילטע חלקים פון די פאַקטן און וועלן באהאלטן אלעס ארום, זיי וועלן נישט דערציילן אלעס וואס האט פאַסירט פאַרדעם און נאכדעם און וואס האט גוֹרם געווען דערצו, וכדומה. האבן מיר ווייטער א פאַל וואס מען קען נישט זאגן אז ס'איז אינגאנצן אויסגעזויגן פון די פינגער און איז שקר אדורך און אדורך, אודאי נישט, די פאַקטן זענען אמת'ע פאַקטן, אבער עס ברענגט נישט ארויס דעם אמת און גיבט נישט איבער די עכטע דברים כהוייתן.

ווער נאך ווי אונז אידישע קינדער ווייסן פון דעם, א זאך וואס מיר האבן זיך אנגעליטן דערפון במשך אלע דורות, שטענדיג ווען די גויים און אנטיסעמיטן ווילן אונז באַרעדן און זוכן אונז צו באשמוצן ח"ו, זוכן זיי ארויסצוברענגען געוויסע פאַקטן וואס האבן זיך אפגעשפילט, וואס די אידן האבן געטוהן, וכדומה, אבער אָן צו דערציילן אלעס ארום וואס וואלט געווארפן א ליכטיגקייט אויף די מעשה. ווען מען נעמט ארויס איין נקודה פון א גרויסע השתלשלות ארום און ארום, זעהט מען בכלל נישט דעם אמת...

ועוד, ס'איז פארהאן נאך א שטאַפּל וואס איז בעצם א המשך צו אט דעם געדאנק. ס'איז דא אמאל וואס מיר האלטן מיט א געשעעניש, עס קען גאר זיין אז מיר האבן געזעהן די גאנצע פאַקט פאר די אויגן, מיר ווייסן אבער נישט וואס עס באַהאַלט זיך אונטער דעם! זייער אסאך מאל פעלט אונז א שטיקל צו די פּאַזל, עס פעלט אונז בלויז א חלק פון די ידיעה, און ממילא די מסקנא וואס אונז גייען בויען אויף די מעשה איז נישט די אמת, וויבאלד עס פעלט אונז א געוויסע פְּרַט.

ווי פאַסיג איז צו דערציילן דא א שיינע מעשה וואס כ'האב לעצטנס געהערט. ס'איז געווען א מלמד אין א כתה וואס האט געפראוועט א סיום מיט זיינע תלמידים אויף א לימוד וואס זיי האבן מסיים געווען. די קינדער האבן געברענגט פארשידענע נאַשערייען און גוטע זאכן פארן סיום, און דער רבי האט עס אויסגעטיילט. צווישן אנדערע איז אויך געווען דארטן א גרויס שיינע קעיק וואס א יונגל האט געברענגט, און דער רבי האט געשניטן פון דעם שטיקלעך און געגעבן פאר די קינדער. איין יונגל ווען ס'איז געקומען זיין רייע אפצונעמען זיין שטיקל מזונות, רופט ער זיך אָן צום מלמד "רבי, איך דארף א גרויסע שטיקל". דער רבי קוקט איהם אָן מיט וואונדער, אבער דער יונגל בעהט נאכאמאל, "רבי, גיב מיר א גרויסן שטיקל"... דער רבי האט געהאלטן אז ס'איז א פחיתות הכבוד די וועג וויאזוי ער רעדט, און בכלל פארוואס עפעס קלערט ער אז ס'קומט זיך איהם א גרעסערע שטיקל, האט ער זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון זיין פאַרלאַנג, און האט איהם געגעבן אפילו א קלענערע שטיקל ווי פאר די אנדערע קינדער.

דערציילט דער מלמד: שפעטער ביי א הפסקה בין איך געגאנגען אינעם קאָרידאר פון חדר, האב איך באמערקט ווי דער יונגל וואס האט פריער געבעטן דעם גרויסן שטיקל קעיק גייט צו צו א יונגל פון א יונגערע קלאס, יענער יונגל איז נעבעך געווען נישט געזונט, און דער עלטערער יונגל פון מיין כיתה גיבט איהם אוועק זיין מזונות מיט נאך גוטע זאכן פון די סיום. איך האב דעמאלטס פארשטאנען למפרע אז ער האט געבעטן א גרויסע שטיקל ווייל ער האט געוואלט מהנה זיין א צווייטן... מיין גאנצע בליק האט זיך געטוישט אין איין רגע, ווייל ס'האט מיר געפעלט די ידיעה! איך האב נישט געוואוסט בשעת מעשה פארוואס ער בעהט עס. פארשטייט זיך, אז דעמאלטס האב איך שוין חרטה געהאט אז כ'האב נישט אויסגעהערט זיין בקשה און איהם געגעבן א גרויסע שטיקל.

יעצט, די 'פאַקט' איז געווען אז ער האט געבעטן א גרויסע שטיקל, און ער האט אפשר גערעדט אביסל נישט שיין, נישט איידל. אבער במציאות, אז מ'ווייסט וואס טוט זיך אונטער דעם, טוישט עס די גאנצע אמת, די גאנצע מסקנא פון די זאך.

**ווייסן און געדענקן אז ס'איז דא א באשעפער**

עס איז פארהאן נאך א שטאַפּל און עס איז עולה על כולנה. אפילו אין א פאַל ווען א מענטש ווייסט די גאנצע פאַקט, ער ווייסט יא אלעס וואס איז געווען פאַרדעם און נאכדעם, און אלעס וואס ליגט אונטער די פאַקט, ער זעהט די גאנצע מציאות פאר די אויגן, אבער אויב מ'קוקט מיט א טיפערע בליק, מיט א רוחניות'דיגע בליק, **און מ'ווייסט אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט וואס איז דער עשה ועושה ויעשה לכל המעשים, ווייסט מען דאָך אז קיין שום פאַקט איז נישט אמת, קיין שום פאַקט קען נישט באשטימען מסקנות, עס קען נישט קובע זיין אויף למעשה, וויבאלד דער אייבישטער פירט די וועלט און ער קען אלעס טוישן אין איין רגע לויט זיין ווילן.** וויפיל מאל האט זיך שוין געמאכט אז דער מענטש האט געמיינט אז אלעס איז שוין פאַרפאַלן ח"ו, עס איז נישט דא קיין וועג ארויס פון זיינע פראבלעמען, אדער דער דאקטער האט חלילה מייאש געווען א פאציענט, אדער סיי ווער ס'האט געזאגט אז בדרך הטבע וועט נישט זיין קיין עצה דא, קיין ישועה, אבער דער רבונו של עולם איז דאָך אסאך גרעסער פון דעם אלעם, און די ישועת ה' כהרף עין האט נישט געשפעטיגט צו קומען.

קומט אויס אז אפילו ווען ס'איז דא א פאַקט, ווייסט אבער א ערליכע איד א מאמין, די פאַקטן זענען נישט קיין אמת'ע פאַקטן ווייל אלעס איז ביד הקב"ה, און ער איז בכח מהפך צו זיין און טוישן יעדע גזר דין לטובה, דעריבער זענען די פאַקטן קיינמאל נישט קובע דעם אמת.

## **דיינע מסקנות זענען נישט געבינדן מיט די פאַקטן!**

כלפי מה הדברים אמורים? ווי שטארק איז דער ענין נוגע אין די לעבן פון א מענטש! אזויפיל מאל מאכט זיך אז א מענטש באמערקט א געוויסע פאַקט וואס איז נוגע פאר איהם אדער פאר אנדערע, און ער אײלט זיך צו ציען מסקנות, ער מאכט אפ אז ער האט שוין ארויס די ענדגילטיגע אמת. אזויפיל מאל הערט מען פון מענטשן איך בין א שלימזל, איך בין גארנישט ווערד, איך וועל קיינמאל נישט מצליח זיין, וכדומה, און דאס איז געבויט אויף פאַקטן און געשעענישן וואס האבן פאסירט מיט זיי. די פאַקטן זענען טאקע פאָרגעקומען, אבער די וועג וויאזוי זיי טייטשן עס אפ, זיי נעמען ארויס פון דעם א געוויסע מסקנה, א געוויסע 'אמת' וואס איז בכלל נישט מוכרח, די פאַקטן זענען בכלל נישט מחייב די געדאנקן וואס דער מענטש טראכט, און עס מוז אינגאנצן נישט זיין אזוי.

לאמיר דערציילן א מעשה וואס כ'האב געהערט פונעם בעל המעשה. דער איד האט זיך שטארק געפלאָגט מיט עגמת נפש און ביטערניש וועלכע ער האט שטענדיג ארומגעטראגן אין זיין הארץ. ער האט עס תולה געווען אין דעם ווייל איינער האט איהם זייער שטארק געטשעפעט און גע'רודפ'ט אין זיינע יונגע יארן אלס בחור, ער האט מיטגעמאכט אסאך ווייטאג און פּיין, און ער האט געהאלטן אז יענער האט איהם חרוב געמאכט דאס לעבן.

איין טאג האט ער זיך אויסגערעדט פאר א קלוגער איד, און ער האט דערציילט זיין גאנצע היסטאריע פונעם עָבַר וואס ער האט אלס מיטגעמאכט אין זיין יוגענט, צולייגענדיג זיין שטענדיגע פזמון "יענער האט מיר פארהארגעט דאס לעבן!!!". דער חכם הערט איהם אויס, און שאָקלט מיט'ן קאפ פון רעכטס צו לינקס זאגענדיג קאטעגאריש, "ניין, וואס דו זאגסט איז נישט אמת". דער איד וואס האט זיך אפגערעדט מאכט אויף אפאר אויגן און זאגט, "וואס הייסט? איך האב דאָך דערציילט די גאנצע אמת, ער האט עכט געטוהן אזוי און אזוי, און ער האט מיר ממש פארהארגעט מיין לעבן".

אבער דער קלוגער איד ווערט נישט פארלוירן און ער ערקלערט, "טראכט אריין, יא, יענער האט דיר טאקע געטשעפעט, ער האט דיך ווי געטון, זייער שטארק ווי געטון, און אפשר האט ער אפילו חרוב געמאכט טייל פון דיין לעבן ביז אהער, אבער צו זאגן אז יענער האט פארהארגעט דיין לעבן אויף אייביג דאס איז שוין נישט אמת. דאס איז שוין א 'החלטה' וואס דו האסט צוגעלייגט, דאס איז שוין דיין אייגענע 'פירוש' צו די מעשה.

דיינע צרות און מיטמאכענישן זענען באמת זייער שווער און אומאיינגענעם, אבער פון דארטן ביז צו זאגן ער האט פארהארגעט דיין לעבן, די צוויי זאכן האבן שוין נישט קיין שייכות. אויב דו ביסט יעצט מחליט אז דו וועסט זיך אויפהייבן, דו ווילסט און קענסט ווייטער אנגיין, און דו וועסט זיך נישט לאזן אראפברענגען פון דעם, האט יענער בכלל נישט געהארגעט דיין לעבן.

כהנה וכהנה איז דאס נוגע פאר אזויפיל זאכן. אסאך מאל פאַלט א מענטש אריין אין א געוויסע שוועריגקייט, ער האט ליידער נישט קיין פרנסה, ער האט נישט קיין מזל, ער האט נישט קיין שלום בית, אבער צו זאגן אז זיין לעבן איז שוין פארביי, אדער ער איז שוין חרוב ונחרב, ער וועט שוין סייווי נישט מצליח זיין חלילה, דאס זענען אלעס 'מסקנות' וואס מ'בויעט אויף די פאַקטן. און ווי מיר שמועסן זענען די דאזיגע פאַקטן בכלל נישט מחייב די מסקנות, עס מוז בכלל נישט זיין וויאזוי דער מענטש טייטשט עס אפ. **א פאַקט קען טאקע זיין א פאַקט, אבער דאס וואס דו טראכסט און דו מיינסט מכוח דעם, איז בכלל נישט די אמת! און ס'איז נישט מחייב אז די מסקנא דארף אזוי זיין.**

צומאל פאַסירט עס אויך ברוחניות. דער מענטש פאַלט אדורך אין א געוויסע ענין, ער שפירט ח"ו דערווייטערט פון השי"ת, און לכבוד דעם אזי ער מחליט ביי זיך אז ער איז שוין א פאַרפאַלענער, ער איז שוין אינגאנצן דערווייטערט, דער אייבישטער האט איהם נישט ליב ח"ו, און אזוי ווייטער. ער פארגעסט וואס איז די פאַקט און וואס איז זיין אייגענע געפיל און איינרעדעניש געבויט אויף די פאַקטן לויט זיין קליינע פאַרשטאַנד...

## **ווען מען פארגעסט וועגן די כוח ה'**

דערמיט קומען מיר צוריק צו אונזער פרשה און צו די חטא המרגלים. די מרגלים זענען געקומען קיין ארץ ישראל זיך אומצוקוקן אויף וואס עס קומט דארט פאָר, זיי זענען טאקע געווען צדיקים וכשרים, זיי זענען נישט געגאנגען מיט שלעכטע כוונות ח"ו. אבער למעשה האבן זיי זיך דערשראקן, זיי האבן מורא געהאט פונעם עתיד און געמאכט פארשידענע חשבונות פארוואס ארץ ישראל טויג נישט פאר זיי, ווי עס איז מבואר אין **ספרים הקדושים**, צו דאס איז געווען רוחניות'דיגע חשבונות ווייל זיי האבן געהאלטן אז כלל ישראל וועט חלילה נתגשם ווערן ווען מ'גייט אריין קיין ארץ ישראל און מ'וועט אנהייבן צו ארבעטן פעלד-ארבעט, מ'וועט זיין פארנומען און מ'וועט מער נישט האבן די מן און באר, מ'וועט פארלירן די דביקות אינעם אייבישטער וכדומה, צו סיי וועלכע אנדערע חשבון אדער פחד וואס זיי האבן געהאט (ואין כאן מקומה להאריך, מיר האבן שוין גערעדט פון דעם אין די פארגאנגענע יארן). יהיה אֵיך שיהיה, פאר סיי וועלכע סיבה עס זאל נאר זיין, האבן די מרגלים פארלוירן די טיפערע בליק, די העכערע בליק אויף א זאך צו וויסן און זיך צו שטארקן אז אפילו מיר זעען געוויסע פאַקטן מיט די אויגן, איז עס בכלל נישט מחייב די תוצאות וואס מיר טראכטן. על אחת כמה וכמה ווען מען געדענקט אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, דער אייבישטער איז דאָך אסאך גרעסער פון אלע זייערע חששות און פחד, און ממילא דארף מען נישט מורא האבן.

טאקע דערפאר געפונען מיר אז יהושע און כלב האבן נישט 'אפגעוואָנדן' די טענות פון די מרגלים. זיי האבן נישט גענוצט קיין לאָגישע הסברים צו פארענטפערן אדער טוישן די פאַקטן, ווייל זיי האבן נישט געהאט וואס צו טוישן. די פאַקטן וואס די מרגלים האבן דערציילט פארן פאָלק זענען געווען פאַקטן וואס זענען געווען אמת, עס האט עכט אזוי פאסירט, און ס'האט קלאר אזוי אויסגעזעהן. אבער וואס יהושע און כלב האבן יא געזאגט איז "מיר וועלן מצליח זיין, **השי"ת איז מיט אונז**, און אונז וועלן עס קענען איינעמען בסייעתא דשמיא, **אִם חָפֵץ בָּנוּ ה'** וְהֵבִיא אֹתָנוּ אֶל הָאָרֶץ הַזֹּאת וּנְתָנָהּ לָנוּ, מיט'ן אייבישטער'ס הילף קען מען דאס באווייזן!". דאס מיינט, אונז דינגען מיר זיך נישט אויף די פאַקטן וואס די מרגלים האבן דערציילט, אבער אונז דינגען מיר זיך אויף די מסקנא וואס זיי האבן באַשלאָסן, אונז קריגן מיר זיך אויף 'די אמת' וואס מ'האט דא פאָרגעשטעלט פארן פאָלק געבויט אויף די פאַקטן וואס מ'האט געזעהן.

די זעלבע זאך, משה רבינו אין פרשת ואתחנן ווען ער רעדט פון אריינגיין קיין ארץ ישראל, טוישט ער נישט די פאַקטן, ווייל די פאַקטן זענען די עכטע. אין ארץ ישראל געפונען זיך גוֹיִם גְּדֹלִים וַעֲצֻמִים מִמֶּךָּ און עָרִים גְּדֹלֹת וּבְצֻרֹת בַּשָּׁמָיִם.

אבער ער לייגט צו "**וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא הָעֹבֵר לְפָנֶיךָ... הוּא יַשְׁמִידֵם וְהוּא יַכְנִיעֵם לְפָנֶיךָ" ווייס און געדענק אז דער אייבישטער איז דער וואס גייט מיט אייך, ער וועט פאַרלענדן און מכניע זיין די גוים.** ווייל אזוי זעהט מען ווען מ'קוקט מיט א תורה'דיגע בליק, מיט אמונה אין השי"ת, מ'ווייסט ער איז דער "עלת העלות וסיבת כל הסיבות" וואס מאכט אלעס און פירט אלעס, ממילא איז דער פאַקט בכלל נישט קיין פאַקט און ס'איז נישט דא וואס מורא צו האבן דערפון.

## די תפלה פון קה יושיעך מעצת מרגלים

ווי וואונדערליך איז דאס וואס שטייט אין פסוק "וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְהוֹשֵׁעַ בִּן נוּן יְהוֹשֻׁעַ", ווי **רש"י** ברענגט פון חז"ל אז משה רבינו האט געטוישט די נאמען פון 'הוֹשֵׁעַ' צו 'יְהוֹשֻׁעַ' זייענדיג מתפלל אויף יהושע בן נון "קָהּ יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְּלִים", ער האט צוגעלייגט די אות י' צו זיין נאמען און געבעטן אז דער אייבישטער זאל דיר העלפן זאלסט געראטעוועט ווערן פון די עצת המרגלים.

ווייל דאס האט געפעלט פאר די מרגלים, אט די נקודה פון 'קָהּ יוֹשִׁיעֲךָ' אריינצונעמען דעם אייבערשטן אין בילד, און געדענקן אז מיט זיין הילף קען מען אלעס אפילו ווען עס זעהט אויס אוממעגליך. נעם נאר אריין דעם בורא אין אלע דיינע פאַקטן, וועסטו זעהן אז אלעס וועט זיך טוישן, די פאַקטן וועלן שוין בכלל נישט מחייב זיין.

דער הייליגער **ישמח ישראל** אין אונזער פרשה (סוף אות א') שרייבט אז דערפאר האט משה רבינו צוגעלייגט די אות י' צום נאמען פון יהושע, ווייל י' איז מרמז אויף 'חכמה' ווי עס שטייט אין **ספרים הקדושים**. ס'איז דא א פסוק אין **קהלת** (ז' י"ב) "הַחָכְמָה תְּחַיֶּה בְעָלֶיהָ" דורך חכמה קען מען לעבן, מען קען געראטעוועט ווערן. און דער ישמח ישראל איז מאריך אז דאס גייט ארויף אויף אמונה, דאס איז די חכמה, ווען א איד ווייסט אז דער אייבישטער קען איהם העלפן אין יעדן מצב. "**כי האדם צריך לידע כי הבורא ברוך הוא כל יכול, ויש לו עצות ותחבולות למעלה מתפיסת שכל האדם**", דער אייבישטער קען טוהן זאכן וואס איז העכער ווי אונזער שכל. אפילו ווען מיר זעען די פאַקטן איין וועג, קען השי"ת אלעס טוישן, ער קען טוהן זאכן וואס מיר קענען זיך בכלל נישט פאָרשטעלן, און ווען א איד האט אמונה און גלייבט אינעם באשעפער איז דאס ממשיך א ישועה.

דאס האט משה רבינו דא באגלייט יהושע מיט דעם כוח אז ער זאל געדענקען פונעם אייבערשטן, ער זאל קוקן אויף אלעס מיט א העכערע בליק, און דאס וועט איהם ראטעווען.

וויפיל דארפן מיר זיך ארויסלערנען פון דעם צו אונזער לעבן, אז די פאַקטן זאלן נישט קובע זיין אונזער מציאות. יא, זאכן פאַסירן טאקע, און ס'קען זיין ס'איז נישט אזוי געשמאק און ס'איז נישט ווי אונז וואלטן מיר געוואלט אז ס'זאל זיין. אבער מכוח דעם צו בויען א מסקנא, זיך אפצוסטעמפלען אז מען קען זיך שוין נישט טוישן אדער מ'קען זיך נישט העלפן, דאס איז נישט קיין ריכטיגע וועג. מיר דארפן וויסן און געדענקן אז פאַקטן זענען איין זאך, אבער די אמת'ע אמת איז א צווייטע זאך! די פאַקטן זענען נישט קובע, בפרט ווען א איד בעהט און איז מתפלל די תפלה פון משה רבינו "קָהּ יוֹשִׁיעֲךָ" און געדענקט אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט.

## די רמזים פון נסכים, חלה, און ציצית

מיט דעם קען מען אויך ערקלערן די המשך הפרשה. נאך די פרשה פון די מרגלים האבן מיר די פרשה פון נסכים, הפרשת חלה, און מצות ציצית.

בדרך רמז קען זיין, ווען א איד ברענגט נסכים, אביסל וויין, אביסל אויל, אביסל מעל, אין אונזערע אויגן זעהט עס נישט אויס קיין גרויסע זאך, עס איז נישט מער ווי א קליינעגקייט. די זעלבע איז מיט חלה, א מענטש מאכט א טייג און ער שיידט אפ א קליינע משהו פאר'ן כהן, וואס איז שוין די חשיבות פון די קליינע ברעקל? אין 'פאַקט' זעהט עס אויס זייער קליין, אבער די תורה וויל אונז לערנען אז דאס איז דער תיקון פאר די חטא המרגלים, ווען מיר ווייסן ביי זיך און אונז טוען איינבאַקן אין אונזער נפש אז 'די אמת' איז נישט אלעס וואס מען זעהט, זאכן ווערן נישט געמאָסטן לויט די חיצוניות'דיגע בליק וואס מ'קוקט מיט די אויגן. אדרבה, דער אייבישטער איז מחשיב זאכן אנדערש ווי מיר קלערן, מיר דארפן קוקן אויף זאכן מיט א טיפקייט און א העכערקייט.

און די תורה הקדושה ענדיגט צו מיט די פרשה פון ציצית, ציצית איז אויך לכאורה א קליינעגקייט, א בגד פון ד' כנפות מיט אפאָר חוטין, אבער די תורה זאגט אז ווען מ'קוקט מיט אן אמת'ע בליק, מיט א הייליגע בליק און התבוננות, ווי חז"ל זאגן אונז 'תכלת דומה לרקיע' עס דערמאנט א איד פונעם באשעפער, פונעם הימל, פון די תורה ומצוות, דאס טראגט דעם איד צו א דרגה פון וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם.

אין אנהייב פרשה האט השי"ת געזאגט פאר משה רבינו, שלח לך אנשים **ויתורו**, זיי זאלן אויסשפּאנירן, זיי זאלן גיין קוקן די לאנד, אבער זיי האבן מקיים געווען די 'ויתורו' אויף א נישט גוטע וועג, זיי האבן נישט אריינגענומען דעם אייבערשטן אין די אלע פאַקטן וואס זיי האבן געזעהן דארט. די מצוה פון ציצית איז די היפוך דערפון, עס ברענגט ארויס אז ווען א איד קוקט מיט א דערהויבענע בליק, מיט א הייליגע בליק, איז ער זוכה צו 'ולא תתורו' אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך די פאַקטן וואס ער זעהט מיט די אויגן, נאר וויסן און געדענקען אז עס איז דא א באשעפער וואס ער איז מהווה און מחיה אלעס, דער אני ה' אלקיכם!

לסיכום געדענק:

- די פאַקטן קענען זיין עכטע, אבער ווייט פונעם אמת! די פאַקטן זענען בכלל נישט מחייב די געדאנקן וואס דער מענטש טראַכט און וויאזוי ער טייטשט זיי אויס.
- איבערהויפט ווען מ'ווייסט אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט דער עשה ועושה ויעשה לכל המעשים, איז קיין שום פאַקט נישט אמת, דער אייבישטער קען אלעס טוישן אין איין רגע.
- בוי נישט קיין מסקנות אויף די פאַקטן! סטעמפל קיינמאל נישט אפ דיין מצב! נעם אריין דעם בורא אין אלע דיינע פאַקטן, זיי מתפלל 'קה יושיעך' און די גאנצע מציאות קען זיך טוישן.

# א לעכטיגע שבת קודש!

לעי"נ הר"ר **משה שמעון הלוי** ז"ל
בן יבלחט"א אבי מורי הרה"ח ר' **שרגא פייביל** שליט"א

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק" דורך אי-מעיל בעזה"ה tiferenblik@gmail.com